בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# גִּלָּיוֹן שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון
ע"ח

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת נצבים - וילך
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא שְׁנַת תשפ"ד

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

פַּארְ'ן שִׁיעוּר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזוּנְגֶען דֶעם נִיגוּן: **"אוֹי אוֹי אוֹי מְלַמְּדִים, אוֹי אוֹי אוֹי מְחַנְּכִים, ווָאוֹיל אִיז אוּנְזֶער חֵלֶק בָּזֶה וּבַבָּא".**

שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם מַיינֶע טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים. אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ, אַז מִיר הָאבְּן דִי זְכִיָּה צוּ זִיצְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי תּוֹרָה.

### אִיךְ וֵוייס אַז דוּ אַרְבֶּעטְסְט שְׁוֶוער

אוֹי אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד! קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס הֵייסְט אַ מְלַמֵּד, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס אַ מְלַמֵּד גֵייט אַרִיבֶּער אִין אֵיין שָׁעָה זִיצְנְדִיג אִין חֵדֶר; קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס אַ מְלַמֵּד גֵייט אַרִיבֶּער פוּן פְרִישְׁטָאג בִּיז דִי עֶרְשְׁטֶע רִיסֶעס, פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע רִיסֶעס בִּיז לָאנְטְשׁ, אוּן פוּן לָאנְטְשׁ בִּיז דִי קוּמֶענְדִיגֶע הַפְסָקָה, נָאךְ דִי הַפְסָקָה אִיז שׁוֹין דֶער מְלַמֵּד גֶע'שָׁחְטְ'ן אוּן עֶר בְּלַייבְּט נָאךְ אַ דְרֵיי פֶערְטְל שָׁעָה מִיט דִי קִינְדֶער בִּיז מֶען גֵייט אַהֵיים.

אֵיי ווֶעסְטוּ מִיךְ פְרֶעגְן, וָואס הָאסְטוּ פוּן דֶעם אַז אִיךְ זָאג עֶס, דִי אַרְבֶּעט בְּלַייבְּט דָאךְ וַוייטֶער דִי זֶעלְבֶּע שְׁוֶוער? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, דָאס אַלֵיינְס אַז מֶען הֶערְט אַז אֵיינֶער וֵוייסְט ווִי שְׁוֶוער אִיךְ אַרְבֶּעט, מַאכְט עֶס שׁוֹין גְרִינְגֶער; אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ, ווֶען אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אֵיינֶער וֵוייסְט אַז עֶר לַיידְט - אִיז עֶס אִים גְרִינְגֶער צוּ נֶעמֶען.

אֵיינֶער הָאט מִיר אַמָאל גֶעפְרֶעגְט: וָואס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ פוּן דֶעם וָואס עֶר שְׁרַייבְּט אִין דִי בְּרִיוְון אוּן קוּנְטְרֵסִים: **"אֵין צַעַר כְּצַעֲרוֹ שֶׁל בָּחוּר"**, עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דִי ווֶעלְט אַזַא וֵוייטָאג ווִי דִי וֵוייטָאג פוּן אַ בָּחוּר; אוּן מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט נָאךְ דֶערְצֵיילְן אַז אַ בָּחוּר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים פוּן יֶענֶע עֶק ווֶעלְט, עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ קוּשׁ אִין שְׁטֶערְן אוּן גֶעזָאגְט: **"אִיךְ בִּין אַייךְ זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר, וַוייל אִיךְ בִּין אַן אַלְטֶער בָּחוּר, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ קוּנְטְרֵס וָואס אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן: 'אֵין צַעַר כְּצַעֲרוֹ שֶׁל בָּחוּר', אוּן דָאס הָאט מִיךְ מַמָּשׁ גֶעגֶעבְּן לֶעבְּן"**, - פְּרֶעגְט יֶענֶער: וָואס הָאט דֶער בָּחוּר פַארְדִינְט פוּן דֶעם אַז מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט עֶס אִין זַיינֶע קוּנְטְרֵסִים אוּן זָאגְט עֶס בַּיי דִי דְרָשׁוֹת, עֶס ווֶערְט אִים יֶעצְט גְרִינְגֶער?! דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: "יָא", עֶס ווֶערְט אִים גְרִינְגֶער! אַז אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט אַז אֵיינֶער וֵוייסְט אַז עֶר לַיידְט, ווֶערְט אִים גְרִינְגֶער דוּרְכְצוּטְרָאגְן זַיין שְׁוֶועריקֵייט.

דֶערְפַאר זָאג אִיךְ פַאר דִי מְלַמְּדִים: **"אִיךְ וֵוייס אַז דוּ אַרְבֶּעטְסְט שְׁוֶוער"**, אוּן אִיךְ הָאף אַז דָאס ווֶעט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט דִי קִינְדֶער.

### אַ מַעֲשֶׂה מִיט רַב כַּהֲנָא

יֶעצְט ווִיל אִיךְ עֶנְק - טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, בֶּעטְן אַ קְלֵיינִיקֵייט; אַז עֶס אִיז עֶנְק שׁוֹין גֶעוָוארְן גְרִינְגֶער דִי אַרְבֶּעט, קֶען מֶען שׁוֹין עֶפֶּעס בֶּעטְן... אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַ גְמָרָא סוֹף מַסֶּכֶת בָּבָא קַמָּא אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דֶעם, ווִיל אִיךְ עֶס עֶנְק אִיבֶּערְזָאגְן.

דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (בָּבָא קַמָּא קיז.), עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מָסוּר וָואס הָאט זִיךְ מִתְחַצֵּף גֶעוֶוען קֶעגְן רַב, אִיז גֶעגַאנְגֶען רַב

## זַיינֶע לִיפְּן שְׁמֵייכְלֶען

כַּהֲנָא, דֶער תַּלְמִיד פוּן רַב, אוּן גֶע'הַרְגְ'עֶט דֶעם מָסוּר אִין פָארְנְט פוּן רַב, הָאט רַב גֶעזָאגְט פַאר רַב כַּהֲנָא: **"אַנְטְלוֹיף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כְּדֵי דִי רֶעגִירוּנְג זָאל דִיךְ נִישְׁט הַרְגְ'עֶנֶען, אוּן נֶעם זִיךְ פָאר אַז זִיבְּן יָאר גֵייסְטוּ נִישְׁט אַרַיינְפְרֶעגְן בַּיים שִׁיעוּר פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן"**; דָאס הָאט אִים רַב גֶעהֵייסְן צוּלִיבּ דֶעם וַוייל עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ כַּפָּרָה, אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אַ זַאךְ אִין פָארְנְט פוּן זַיין רֶבִּי אָן אִים פְרֶעגְן פַארְדֶעם.

רַב כַּהֲנָא אִיז טַאקֶע אַנְטְלָאפְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צוּ דִי יְשִׁיבָה פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן; רֶבִּי יוֹחָנָן אִיז גֶעוֶוען רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן רֵישׁ לָקִישׁ אִיז גֶעווען דֶער חוֹזֵר אוּן מַשְׁגִּיחַ. רַב כַּהֲנָא הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי אִינְגֶעלַייט פוּן יְשִׁיבָה, עֶר הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט קַשְׁיוֹת אוֹיף דֶעם שִׁיעוּר וָואס רֵישׁ לָקִישׁ הָאט אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט מִיט זֵיי אִין נָאמֶען פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן, דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן דֶערְצֵיילְט פַאר רֵישׁ לָקִישׁ פוּן רַב כַּהֲנָא אוּן זַיינֶע קַשְׁיוֹת, הָאט רֵישׁ לָקִישׁ גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי יוֹחָנָן: **"גְרֵייט זִיךְ גוּט צוּ פַארְ'ן מָארְגֶענְדִיגְן שִׁיעוּר, וַוייל אַ לֵייבּ אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען פוּן בָּבֶל; עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ נֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס קֶען אָפְּפְרֶעגְן דִי שִׁיעוּרִים כִּלְאַחַר יָד".**

מֶען הָאט גֶעזֶעצְט רַב כַּהֲנָא אוֹיבְן אָן, וַוייל עֶר אִיז דָאךְ אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, ווֶען רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט עֶר גֶעוַוארְט רַב כַּהֲנָא זָאל אַרַיינְפְרֶעגְן, אָבֶּער רַב כַּהֲנָא אִיז גֶעזִיצְן שְׁטִיל אַ גַאנְצְן שִׁיעוּר, הָאט מֶען אִים צוּבִּיסְלֶעךְ אַרָאפְּגֶעשְׁטֶעלְט אֵיין שׁוּרָה נָאכְ'ן צְוֵוייטְן, בִּיז מֶען הָאט אִים גֶעזֶעצְט אִין דִי לֶעצְטֶע שׁוּרָה. אוּן רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ רֵישׁ לָקִישׁ: **"דֶער לֵייבּ אִיז גֶעוָוארְן אַ פוּקְס, וַוייל עֶר פְרֶעגְט גָארְנִישְׁט אַרַיין בַּיים**

**שִׁיעוּר"**, רַב כַּהֲנָא אִיז גֶעוָוארְן פַארְשֶׁעמְט, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"יְהִי רָצוֹן, אַז דִי זִיבְּן שׁוּרוֹת וָואס מֶען הָאט מִיךְ אַרָאפְּגֶעשְׁטֶעלְט זָאל זַיין אַנְשְׁטָאט דִי זִיבְּן יָאר וָואס רַב הָאט מִיר אָנְגֶעזָאגְט אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרַיינְפְּרֶעגְן"**, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן רֶבִּי יוֹחָנָן עֶר זָאל נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְזָאגְן דֶעם שִׁיעוּר; רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דֶעם שִׁיעוּר אוּן רַב כַּהֲנָא הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פְרֶעגְן זַיינֶע קַשְׁיוֹת, עֶר הָאט גֶעקְנַאקְט קַשְׁיוֹת אֵיינֶע נָאכְ'ן אַנְדֶערְן, בִּיז דִי גַאנְצֶע שִׁיעוּר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיס. רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט גֶעהֵייסְן בַּיי יֶעדֶע קַשְׁיָא אַז מֶען זָאל אִים צוּרִיק אַרוֹיפְרוּקְן אֵיין שׁוּרָה, בִּיז עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע שׁוּרָה. רֶבִּי יוֹחָנָן אִיז גֶעזִיצְן אוֹיף זִיבְּן טֶעפֶּעכֶער, (עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי זִיבְּן מַאטְרַאצְן), הָאט עֶר גֶעהֵייסְן בַּיי יֶעדֶע קַשְׁיָא אַז מֶען זָאל אִים אַרָאפְּנֶעמֶען אֵיין מַאטְרַאץ, בִּיז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעזִיצְן אוֹיף דֶער עֶרְד.

רֶבִּי יוֹחָנָן אִיז זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דֶעם נֵייעֶם תַּלְמִיד, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַלְט אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע אוֹיגְן בְּרֶעמֶען, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דִי תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן אִים אוֹיפְהֵייבְּן זַיינֶע אוֹיגְן בְּרֶעמֶען וַוייל עֶר וִויל זֶען וֶוער רַב כַּהֲנָא אִיז, מֶען הָאט עֶס אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען רַב כַּהֲנָא. רַב כַּהֲנָא הָאט גֶעהַאט אַ לַאכֶעדִיגֶע פָּנִים, וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מַכָּה אִין דִי לִיפְּן אַז עֶס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי עֶר שְׁמֵייכְלְט שְׁטֶענְדִיג, דֶערְצֵיילְט דִי גְמָרָא: **"חֲלַשׁ דַּעְתֵּיהּ וְנָח נַפְשֵׁיהּ"**, רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, עֶר הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף רַב כַּהֲנָא אַז עֶר שְׁמֵייכְלְט אוּן שְׁפֶּעט אָפּ פוּן אִים, אוּן מַאכְן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פַאר אַ צַדִּיק אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, אִיז רַב כַּהֲנָא גֶעשְׁטָארְבְּן; מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ לְוָיָה אוּן מֶען הָאט אִים בַּאעֶרְדִיגְט אִין אַ מְעָרָה.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג הָאט זִיךְ רֶבִּי יוֹחָנָן אָנְגֶערוּפְן אִין יְשִׁיבָה: **"עֶטְץ הָאטְס גֶעזֶען וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פוּן בָּבֶל הָאט דָא גֶעטוּן, וִוי עֶר הָאט גֶעשְׁפֶּעט פוּן מִיר?"** הָאבְּן אִים דִי תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט: **"דַּרְכֵּיהּ הָכִי"**, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפֶּעט, עֶר הָאט אַ מַכָּה אוֹיף זַיינֶע לִיפְּן אוּן אַזוֹי זֶעט עֶר אוֹיס! אִיז רֶבִּי יוֹחָנָן שְׁנֶעל גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵייל וואוּ רַב כַּהֲנָא אִיז גֶעוָוארְן בַּאעֶרְדִיגְט, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין אִינֶעם הֵייל אוּן אַ שְׁלַאנְג אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים טִיר פוּן דִי מְעָרָה אוּן אִים נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט, בִּיז עֶר הָאט גֶעזָאגְט: **"שְׁלַאנְג שְׁלַאנְג, עֶפְן דַיין מוֹיל, לָאז אַרַיין אַ תַּלְמִיד צוּ זַיין רֶבִּי"**, דֶעמָאלְט הָאט אִים דֶער שְׁלַאנְג אַרַיינְגֶעלָאזְט, וֶוען עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז רַב כַּהֲנָא זָאל צוּרִיק אוֹיפְשְׁטֵיין, אוּן רַב כַּהֲנָא הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, הָאט זִיךְ רֶבִּי יוֹחָנָן אָנְגֶערוּפְן צוּ רַב כַּהֲנָא: **"אִי הֲוָה יָדַעְנָא דְּדַרְכֵּיהּ דְּמַר הָכִי, לָא חָלְשָׁא דַּעְתִּי"**, וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוואוּסְט אַז דַיין פָּנִים אִיז אַזוֹי, וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת. רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט גֶעבֶּעטְן רַב כַּהֲנָא עֶר זָאל צוּרִיקְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: **"אִיךְ קוּם נָאר צוּרִיק אוֹיב דוּ זָאגְסְט מִיךְ צוּ אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט נָאכְאַמָאל שְׁטַארְבְּן"**.

## דִי מַעֲשֶׂה מִיט רַב כַּהֲנָא שְׁפִּילְט זִיךְ אָפּ טָאג טֶעגְלִיךְ

אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי גְמָרָא, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז דֶער שׁוּרָה גְמָרָא מֵיינְט מֶען מִיךְ - וָואס אִיךְ זִיץ מִיט בָּחוּרִים, אוּן אוֹיךְ יֶעדֶער וָואס זִיצְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַ מְלַמֵּד זִיצְט אוֹיבְן אָן, אוּן עֶר הֵייסְט פַאר אַ אִינְגְל: **"זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ"**, אוּן דֶער קִינְד מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג אָדֶער עֶר שְׁמֵייכְלְט זִיךְ אוּנְטֶער, קֶען גֶעשֶׁען אַז 'חָלְשָׁא דַּעְתִּי', דֶער מְלַמֵּד זָאל בַּאקוּמֶען חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אוּן עֶר וֶועט עֶס נָאךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין חִינוּךְ: 'וָואס הֵייסְט אַז דוּ מַאכְסְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג פוּן דַיין רֶבִּי?!' אוּן נָאכְדֶעם: 'נָח נַפְשֵׁיהּ' - הַרְגְ'עט עֶר דֶעם תַּלְמִיד; וָואס הֵייסְט עֶר הַרְגְ'עט אִים? - עֶר פַארְשֶׁעמְט אִים, אָדֶער עֶר שִׁיקְט אִים אַרוֹיס, אָדֶער עֶר גֶעבְּט אִים פֶּעטְשׁ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט, אִיז עֶס נָאר אֵיין מָאל, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אָפְּגֶעשְׁטָארְבְּן אוּן גֶעעֶנְדִיגְט, אָבֶּער דֶער קִינְד בְּלַייבְּט לֶעבְּן אוּן מֶען הַרְגְ'עט אִים נֶעבֶּעךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

דֶער מְלַמֵּד מֵיינְט אַז עֶר אִיז גֶערֶעכְט, דֶער קִינְד אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ גֶעהֶערִיגֶער מְחוּצָף, זָאגְן אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: **"אִי הֲוָה יָדַעְנָא דְּדַרְכֵּיהּ דְּמַר הָכִי, לָא חָלְשָׁא דַּעְתִּי"**, נִישְׁט יֶעדֶעס מָאל וָואס אַ קִינְד לַאכְט, מֵיינְט עֶר צוּ טְשֶׁעפֶּען דֶעם רֶבִּי'ן, עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֵיי וֵייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶוען מֶען זָאגְט זֵיי אַ פְּסַק; עֶס זֶענֶען דָא צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶעלֶעךְ, צֶעבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמָה'לֶעךְ, וָואס וֶוען מֶען זָאגְט זֵיי אַ פְּסַק, אַנְשְׁטָאט צוּ וַוייזְן הַכְנָעָה - הֵייבְּן זֵיי אָן צוּ לַאכְן, אוּן דָאס פִּירְט אַרַיין דֶעם מְלַמֵּד אִין אַ שְׁטֶערְקֶערֶע כַּעַס אוּן עֶר הֵייבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן אַיינְצוּרֶעדְן אַז עֶר דַארְף דָא מְחַנֵךְ זַיין דֶעם קִינְד.

אָבֶּער אִין אֶמֶת'ן אַרַיין, מֵיינְט דֶען דָאס קִינְד צוּ לַאכְן פוּן מִיר? - עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ אַ מַכָּה; אַ מַכָּה מֵיינְט נִישְׁט נָאר אוֹיבּ זַיינֶע לִיפְּן זֶענֶען גֶעשְׁפָּאלְטְן, עֶס קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען אַז דָאס קִינְד כַאפְּט 'מַכּוֹת' פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן אִינְדֶערְהֵיים. אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר לֶעצְטְנְס גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז מַיין וַוייבּ בַּייסְט דִי קִינְדֶער פוּן כַּעַס?"** - שְׁטֶעלְטְס עֶנְק פָאר וִוי אַזוֹי קוּמֶען אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר...

## בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְקְט גֶעוֵויינְט צוּ דִי מְלַמְּדִים אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן:** אִיךְ בֶּעט עֶנְק מַיינֶע טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים; עֶטְץ זָאלְטְס לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער, אוּן עֶטְץ זָאלְטְס וִויסְן אַז דָאס קִינְד אִיז נִישְׁט שְׁלֶעכְט, דָאס קִינְד הָאט אַ מַכָּה אִין זַיינֶע לִיפְּן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל לִיבּ הָאבְּן מַיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אִיךְ וִויל לִיבּ הָאבְּן מַיינֶע תַּלְמִידִים"**. אִיךְ רֶעד אוֹיךְ צוּ מִיךְ אַלֵיינְס, וַוייל אִיךְ דַארְף אוֹיךְ חִיזוּק אוֹיף דֶעם פְּרַט, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער.

## נֶעם עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ

אִיךְ וֵייס אַז עֶטְץ טְרַאכְטְס: 'זָאל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קוּמֶען אֵיין טָאג צוּ מִיר אִין כִּתָּה, וֶועט עֶר זֶען אַז מֶען מוּז מַאכְן סֵדֶר אִין כִּתָּה, אוּן אוֹיבּ מֶען זָאגְט נִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן וֶוערְט שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה אִין כִּתָּה', אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט וָואס מֶען רֶעדְט דָא, אַוַודַאי דַארְף מֶען זָאגְן פַאר קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן, אוּן אִיךְ זָאג אוֹיךְ פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים וִוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן, אָבֶּער 'אִי הֲוָה יָדַעְנָא דְּדַרְכֵּיהּ דְּמַר הָכִי, לָא חָלְשָׁא דַּעְתִּי', - חֲלִישׁוּת הַדַּעַת דַארְפְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן, נֶעם עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ, גֶעבּ אַכְטוּנְג עֶס זָאל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אַ פְּרִיוַואטֶע שִׂנְאָה אוּן אַ פֵייעֶר פוּן דִיר אוֹיף דִי קִינְדֶער.

בֶּעטְס אוֹיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט אָנְנֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען אַ קִינְד שְׁמֵייכְלְט זִיךְ אוּנְטֶער, וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען דָאס קִינְד וָואלְט גֶעוֶוען מַיין קִינְד?"** - בָּרוּךְ הַשֵּׁם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר טֵייעֶרֶע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ מָאל אַז אִיךְ זִיץ אִין אָפִּיס (אִינֶעם זֶעלְבְּן

בִּנְיָן פוּנֶעם חֵדֶר) אוּן דֶער מְלַמֵּד שִׁיקְט אַרוֹיס מַיין זוּן פוּן חֵדֶר, עֶר שִׁיקְט אִים צוּ מִיר אִין אָפִּיס, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? עֶס אִיז דָאךְ מַיין קִינְד, שְׁרַייבּ אִיךְ אִים אַ צֶעטְל אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, וַוייל אִיךְ וִויל נִישְׁט מַיין קִינְד זָאל פַארְשְׁטֵיין וָואס דָארְט שְׁטֵייט, אוּן אִיךְ שְׁרַייבּ פַארְ'ן מְלַמֵּד: **"אִיךְ בֶּעט דִיךְ, רְאֵה לְבָבִי הַנִּשְׁבָּר וְהַנִּדְכֶּה..."** אוּן אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער דֶעם מְלַמֵּד , אוּן אִיךְ בֶּעט אוֹיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אוֹיבּ עֶס אִיז אַן אֵייגְן קִינְד הָאט מֶען אִים לִיבּ.

### זַיינֶע לִיפְּן שְׁמֵייכְלֶען פוּן זִיךְ אַלֵיין

דִי מְנַהֶלֶת הָאט מִיר הַיינְט גֶעשְׁרִיבְּן אַז זִי הָאט גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְרוּפְן צְוֵויי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען לֶעבֶּעדִיג אִין כִּתָּה אוּן זִי הָאט גֶערֶעדְט צוּ זֵיי, שְׁפֶּעטֶער הָאט זִי זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט וִוי דִי צְוֵויי קִינְדֶער שְׁמוּעֶסְן צְוִוישְׁן זִיךְ: **"מֶען הָאט דִיךְ אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז 'פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער וֶועסְטוּ שׁוֹין זַיין וואוֹיל?' - אָה, מֶען הָאט דִיךְ אוֹיךְ גֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ!"** בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן אַ גוּטֶע מְנַהֶלֶת, וָואס וֶוערְט נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט וֶוען קִינְדֶער לַאכְן זִיךְ אוּנְטֶער.

עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז קִינְדֶער שְׁמֵייכְלֶען זִיךְ אוּנְטֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יוֹחָנָן וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס דִי צַדִיקִים זֶענֶען, הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט: 'אִי הֲוָה יָדַעְנָא דְּדַרְכֵּיהּ דְּמַר הָכִי, לָא חָלְשָׁא דַּעְתִּי', וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעוואוּסְט אַז דַיינֶע לִיפְּן שְׁמֵייכְלֶען פוּן זִיךְ אַלֵיין, וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חֲלִישׁוּת הַדַּעַת.

לָאמִיר גֶעדֶענְקֶען דֶעם נְקוּדָה; אַז אַ קִינְד גֵייט אַוֶועק פוּן דִיר נָאכְ'ן בַּאקוּמֶען אַ פְּסַק אוּן עֶר מַאכְט אַ פָּנִים פוּן אַ שְׁמֵייכְל, זָאלְסְטוּ וִויסְן 'דַּרְכֵּיהּ הָכִי', אַזוֹי זֶענֶען קִינְדֶער, עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס נָאכְן בַּאקוּמֶען אַ פְּסַק, גֶעבְּן זֵיי אַ שְׁמֵייכְל, אוּן עֶר מֵיינְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס דֶערְמִיט.

נָאךְ אַ זַאךְ וִויל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן, גֶעבְּט אַ שְׁמֵייכְל פַאר יֶעדְן קִינְד, גֶעבְּט אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶעדְן קִינְד.

### דוּרְךְ תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען מַצְלִיחַ

עֶטְץ זָאלְטְס וִויסְן אַז אִיךְ - עַל כָּל פָּנִים, בִּין זַייעֶר מַחְשִׁיב אַ מְלַמֵּדְ'ס אַרְבֶּעט, וַוייל קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס אַ מְלַמֵּד גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג, אוּן וָואס אַ מְלַמֵּד גֵייט אַרִיבֶּער אַ שָׁעָה; אוּן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען טַאקֶע הָאבְּן כֹּחַ צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער? דוּרְךְ תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת! אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף צוּפְרִי אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֶעלְפְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען אִיז מַצְלִיחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### וָואס זָאל אִיךְ רֶעדְן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶ' גֶעוֶועןן מִיט דִי בְּרִיוו אִיבֶּער וָואס צוּ רֶעדְן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים אִין דִי יְמֵי בֵּין הַמְּצָרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעפָּאלְגְט אַלֶעס וָואס אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען. יְיַשֶׁר כֹּחַ.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְט וִוי אַזוֹי אוּן וָואס מֶען זָאל רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער, מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען 8 יָאר אַלְט, אִין דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַפָּאר וֶוערְטֶער לְתוֹעֶלֶת דִי תַּלְמִידִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ אוּן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ד' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין דִיר אַזוֹי מְקַנֵּא מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; דוּ זִיצְט מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, רֵיינֶע נְשָׁמוֹת, אַכְט יֶערִיגֶע קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נָאךְ נִישְׁט פוּן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין לֶעבְּן, זֵיי שְׁלִינְגֶען יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דֶער מְלַמֵּד זָאגְט, יֶעדֶעס וָוארְט פוּנֶעם מְלַמֵּד גֵייט אַרַיין טִיף טִיף אִין זֵייעֶרֶע רֵיינֶע הֶערְצֶער.

אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט דִי רִיכְטִיגֶע הַקְדָּמוֹת, עֶר וֵוייסְט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אוּן וָואס צוּ רֶעדְן – קֶען עֶר בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט, דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, זֵיי וֶועלְן וִויסְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט מֶען זָאל אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן, מֶען זָאל אִים צוּזָאגְן אַז מֶען גֵייט זַיין וואוֹיל. לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי עֶר וִויל נָאר גוּטְס, עֶר וִויל נִישְׁט שְׁטְרָאפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר וַוארְט מֶען זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים.

דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה, דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועןן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ; וִוי וַוייט מֶען אִיז פַארְקְרָאכְן קֶען מֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶעד נִישְׁט צוּ זֵיי קַיין הוֹיכֶע זַאכְן; עֲבוֹדוֹת פוּן צַדִיקִים פוּן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים. רֶעד צוּ זֵיי דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, דִי פָּשׁוּטְ'עֶ וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה, וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל וֶוען מֶען זָאגְט אַרוֹיס פָּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער: "אִיךְ וִויל זַיין גוּט", "אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט", "אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירָה", וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחוּקוֹתַי) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת בִּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל אוּן אִיךְ פִיר זִיךְ מִיט אִים מִיט רַחְמָנוּת.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאלְסְטוּ זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן טְשֶׁעפֶּען אַ חֲבֵר; וַוייל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין, אָבֶּער עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ אִין יוֹם הַכִּפּוּרִים

מכפר עד שירצה את חבירו (יומא פה:), אויב מען טוט וויי א צווייטן העלפט נישט קיין תשובה נאר מען מוז יענעם איבערבעטן און יענער דארף מוחל זיין.

זאלסט אסאך רעדן צו די קינדער זיי זאלן אכטונג געבן נישט ווי צו טון א חבר און נישט לאכן פון א חבר; קינדער זענען קינדער און אז מען רעדט נישט צו זיי דערפון ווייסן זיי נישט, און אז זיי ווייסן נישט קענען זיי נכשל ווערן אין פארשעמען אנדערע קינדער השם ישמרינו און אלעס איז דער מלמד שולדיג, ווייל מען רעדט נישט גענוג פון די הארבקייט פון די עבירה.

לייג אריין אין די קינדער דאס גרויסקייט פון בלאזן שופר, ווי דער שטן ווערט דערפון צעטומלט און צעמישט; א גאנץ יאר גרייט ער זיך אן פעק און זעק פון עבירות, ער ווארט אויף ראש השנה צו קומען טענה'ען קעגן אידישע קינדער און ווען מען בלאזט שופר ווערט ער אזוי דערשראקן, ער מיינט אז משיח איז געקומען און מען גייט אים שוין שחט'ן – לויפט ער אוועק, ער לויפט זיך באהאלטן און דער אייבערשטער איז מוחל אלע עבירות.

עס איז דא אסאך וואס צו רעדן צו קינדער אבער די פאר פונקטן זענען זייער וויכטיג; דאס איז דער עיקר פון אידישקייט, די קינדער זאלן ווייסן אז עס איז שטענדיג דא א וועג ווי אזוי מען קען זיך גלייך צוריקקערן צום אייבערשטן און אכטונג געבן אויף אנדערע מענטשן זיי נישט וויי צו טון.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר.

...

(ספר עצתו אמונה חלק י', מכתב אלף עה)

## שיקן א קינד קיין אומאן, אפילו ער וועט פארפעלן פון חדר?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

צום ערשט וויל איך דאנקען דעם ראש ישיבה שליט"א פאר אלע חיזוק און אידישקייט וואס איר ברענגט אריין צו אונז אהיים.

איך האב געוואלט פרעגן אויב עס האט פשט איך זאל שיקן מיין 10 יעריג אינגל מיט מיין מאן קיין אומאן דאס יאר. מיין מאן האט נעכטן באשטעלט טיקעטס קיין אומאן, און דאס יאר דארף מען פארן אביסל לענגער ווי יעדעס יאר, און עס וועט אויסקומען אז לכבוד דעם וועט ער פארפאסן 7 טעג פון חדר.

אונזער אינגל ווייסט אז מיר שטייען זייער שטארק אויף דעם ער זאל נישט פארפאסן קיין איין טאג אין חדר, אפילו ווען מיר האבן א נאנטע משפחה חתונה וואס ענדיגט זיך שפעט, וועט ער אויך זיין אין חדר אין צייט, און יעצט האלט מען אין אנהויב פון די נייע לערן יאר, און שוין וועט ער פארפאסן 7 טעג פון חדר.

וואס איז די ריכטיגע זאך צו טון? זאל איך אים לאזן גיין קיין אומאן, אדער זאל ער בלייבן דא און גיין געהעריג אין חדר, און אום ראש השנה וועל איך האבן איינעם וואס וועט אים נעמען אין שול צו דאווענען.

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך – יום א' פרשת ראה, כ"ד מנחם-אב, שנת תשפ"ב לפרט קטן

**איך האב ערהאלטן אייער בריוו.**

אוודאי זאלט איר מיט שיקן אייער זון נרו יאיר מיט אייער מאן נרו יאיר קיין אומאן צו זיין ביים רבי'נ'ס ראש השנה – אפילו ער וועט דארפן מבטל זיין פון לערנען.

דער הייליגער רבי זאגט קלאר מען זאל אזוי טון. "טוב לבלות זמן רב", עס איז גוט צו פארברענגען אסאך צייט, "בשביל שעה אחת, שיתקרב לצדיק", פאר איין שעה זיין ביים צדיק (ספר המדות אות צדיק, סימן נה); בפרט צו קענען זוכה זיין צו זיין ביים רבי'ן ראש השנה – איז קיין שום פראגע נישט; אוודאי זאלט איר אים שיקן.

ביים רבי'ן וועט ער באקומען א געפיל צו די הייליגע תורה, ביים רבי'ן וועט ער באקומען א געפיל צו דינען דעם הייליגן בורא. פארן צום צדיק איז נישט קיין ביטול תורה, עס איז קיום התורה, בבחינת (מנחות צט:): "פעמים שבטולה של תורה זהו קיומה".

אויך וועט ער זוכה זיין צו פארשטיין דאס לערנען און צו תורה לשמה. אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המדות אות לימוד, סימן סא): "מי שאין לו הבנה בלמודו", ווער עס פארשטייט נישט דאס לערנען, "ישבת אצל צדיק", זאל פארן צום צדיק, זיין ביי אים פאר שבת; "גם על ידי זה יזכה", אויך וועט ער זוכה זיין, "ללמד תורה לשמה", צו לערנען תורה פארן באשעפער.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת שופטים תשפ"ב)

**חינוך אפטיילונג**
אויף קול ברסלב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
**אויף קול ברסלב**
**דרוקט: 1-2-4-2**
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

**קול ברסלב**

קול ברסלב – שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) – שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876